# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות תצוה - כי תשא תשפ"ג ◆ עלון מס': 109

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### משלוח מנות פון הימל

די גמרא דערציילט אונז, אז אין די צייטן פון רבא איז אמאל געקומען צוגיין צו רבא א ארעמאן און אים געזאגט אז ער איז הונגעריג און ער וויל אז רבא זאל אים געבן א גוטע סעודה.

דער הייליגער אמורא רבא האט אים געפרעגט וואס ער וויל עסן.

"איך וויל עסן א פעטע הינדל און טרינקען פיינע אלטע וויין".

בימים ההם זענען די מאכלים געווען טייערע מאכלים און מען פלעגט עס נישט עסן סתם אזוי אין א וואכענטאג.

"און צי קלערסטו נישט אז מיט'ן בעטן אזעלכע טייערע מאכלים ביסטו מטריח דעם ציבור", האט רבא געוואלט וויסן.

"פארוואס גייט עס דיר אן?" האט דער ארעמאן געפרעגט פון רבא.

"צי נעם איך דען צו פון דיר? אלעס געהערט דאך סיי ווי סיי פאר'ן רבוש"ע. דער פסוק זאגט דאך עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו. עס שטייט נישט בעיתם, נאר בעתו, אין זיין צייט, ווייל השי"ת איז מזמין פאר יעדן איינעם שפייז אין די רגע וואס איז פאסיג פאר אים".

דער ארעמאן האט געענדיגט זאגן זיינס און מיטאמאל קלאפט מען אן אין טיר. ביים שוועל שטייט די שוועסטער פון רבא. עס איז שוין אריבער עלף יאר פון ווען זיי האבן זיך געזען צום לעצטן מאל און לכבוד דעם אז זיי האבן זיך געטראפן האט זי געברענגט פאר רבא א מתנה, די מתנה איז געווען א פעטע הינדל מיט אלטע וויין.

ווען רבא האט דאס געזען האט ער פארשטאנען אז עס איז נישט קיין פשוטער זאך. עס ליגט דא א העכערע זאך און אז די פלייש מיט די וויין איז געווען אנגעגרייט פאר דעם ארעמאן.

און אויפ'ן ארט האט אים רבא געגעבן די סעודה.

ווען איך האב געלערנט די גמרא מיט הרה"צ המשפיע רבי ישראל מאיר שלאס שליט"א און מיר האבן זיך צוזאמען מתבונן געווען אין די גמרא, האבן מיר אויפגעפאסט אין די גמרא א מורא'דיגע דערהער.

מיר ווייסן אז רבא האט שוין נישט געזען זיין שוועסטער עלף יאר. נאך אזא לאנגע הפסקה איז זי נישט אויפגעשטאנען איין אינדערפרי און באשלאסן אז זי גייט היינט גיין באזוכן רבא און ארויסגענומען פון פריזער א הינדל און עס אפגעקאכט.

א לאנגער צייט האט זי פלאנירט די באזוך. זי האט אפגעשפארט געלט צו קויפן א הינדל און אפגעשפארט אלטע וויין און למעשה איז עס געווען באשערט פאר דעם ארעמאן. עס קומט אויס אז נאך אסאך פאר דער ארעמאן האט בכלל געטראכט אז ער איז הונגעריג האט דער מסבב כל הסיבות געפירט אז ער זאל האבן וואס צו עסן יענעם טאג.

און די נקודה איז דא איבעראל. ווען א איד געפינט זיך אין אַן ענגשאפט דארף ער געדענקען אז השי"ת האט שוין געזארגט פאר אים און אנגעגרייט די לעזונג פאר די מצוקה מיט יארן פריער נאך אסאך פאר ער האט זיך באגעגנט מיט די קלעמעניש.

און דאס זאגט רש"י אויף די ווערטער אין תהלים **בטח בשם ועשה טוב** אז דער איד זאל זיך פארלאזן אויף השי"ת און זיך נישט איינרעדן אז אויב ער וועט גנב'נען וועט ער האבן געלט ווייל אויב נישט פון וואו וועט ער האבן געלט נאר עשה טוב זיי וואויל און לעב מיט אמונה און דעמאלטס וועסטו זוכה זיין צו וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק **שכן בארץ ורעה אמונה** אז דו וועסט לעבן רואיג און זיך שפייזן פון די שכר האמונה אז דו גלייבסט אין השי"ת און דו וועסט זיך מתענג זיין מיט השי"ת.

נישט נאר וועט מען האבן פרנסה בשפע. מען וועט אויך זוכה זיין צו תענוגים און הנאה האבן אויף די וועלט. מיר ווייסן אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אבער דאס איז נישט קיין שכר, דאס איז א תוצאה פון די אמונה און ווי רש"י זאגט 'תתפרנס משכר האמונה'.

דער בורא כל העולמים שיקט אונז משלוח מנות, ער האט זיך זיינע וועגן און מיר וועלן זוכה זיין צו שכר און צו לעבן רואיג.

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### דער סוד פון ר' משה

זייער א שלעכטער און א ביטערער מאן איז געווען דער קעניג פון זייער לאנד. מען האט דערציילט איבער אים זייער שעדליכע און שלעכטע זאכן. דער בלויזער דערמאנען זיין נאמען האט דערוועקט ביי יעדן איינעם א שרעק.

באזונדער האבן די אידן אין לאנד געליטן פון אים. מערערע מאל האט ער זיי געוואלט פארשיקן פון לאנד אדער אפטון אנדערע צרות אבער עס איז אלעמאל געווען ר' משה וועלכער האט געקעמפט פאר זיי מיט לייב און לעבן.

ר' משה איז געווען א לאנגיעריגע שתדלן. זיין קלוגשאפט און רייכקייט האבן אים געגעבן חן אין די אויגן פון דער קעניג און כמעט אייביג ווען די אידן זענען געווען אין צרה האט ער געוואוסט וואס צו זאגן און ווי אזוי צו פארטיידיגן די אידן און זיי ארויסנעמען פון זייער קלעמעניש.

אויך יענעם טאג ווען עס איז ארויס א שמועה אין גאס אז דער שלעכטער קעניג האט אויסגערופן א מלחמה קעגן די אידן איז יעדער געווען זיכער אז מען האט נישט וואס צו זארגן, ווייל ר' משה וועט שוין רעדן מיט די קעניג.

די עסקנים האבן באלד באשטעלט א באגעגעניש מיט ר' משה אבער אנטוישט און ביטער זענען זיי אוועק פון די באגעגעניש. זיי האבן נישט געגלייבט וואס זייערע אויערן האבן געהערט, דער ר' משה ארבעט האנט ביי האנט מיט דער קעניג.

די עסקנים האבן זיך געבעטן ביי אים אבער עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן. מען האט שנעל אויסגערופן איבער א גרויסער יום תפילה און אויסגערופן אין אלע שולן אז מען גייט דאווענען צום גרויסן באשעפער.

"אין לנו על מי להישען", האבן די צעטלעך געשריגן.

די תפילות האבן עושה רושם געווען למעלה און די גזירה איז טאקע בטל געווארן.

די גזירה איז בטל געווארן אבער קיין איינער האט נישט געקענט פארשטיין וואס אזאנס באדייט די התנהגות פון ר' משה. ווי קומט עס צו אים אזא זאך?

דא האט ר' משה געהאט פאר זיי א שטיקל איבערראשונג. ער האט זיי דערציילט אז ווען זיי זענען געקומען צו אים און אים דערציילט איבער די צרה וואס לויערט אויף כלל ישראל האט ער גלייך געוואלט טון וואס ער טוט אייביג, אבער דער רב פון שטאט האט אים אפגעהאלטן.

דער רב האט אים געזאגט אז ער זאל זיך פירן אזוי ווי ער האט זיך געפירט ווייל ער האט געוואלט אז כלל ישראל זאל תשובה טון מעומקא דליבא און אז די ישועה זאל קומען מן השמים.

די זעלבע זאך האט פאסירט ביי דער יום טוב פורים. ווען כלל ישראל האט געהערט איבער די גזירה וואס שוועבט אויף זיי האבן זיי זיך געטרייסט אז מיר האבן דאך אסתר המלכה, זי וועט שוין שתדל'ן פאר אונז, אבער ווען אסתר המלכה האט אייגעלאדענט המן אז ער זאל אויך קומען צו די סעודה, האט כלל ישראל איינגעזען אז עפעס גייט דא פאר און מען קען זיך מער נישט פארלאזן אויף איר און ווי דער חתם סופר געבט צו פארשטיין אז ווען כלל ישראל האט געזען ווי זי גייט האנט ביי האנט מיט המן זענען זיי געווען זיכער אז זי האט זיך גע'שמד'ט ל"ע.

אסתר איז געווען גרייט צו טון אלעס, אויך צו ווערן פארשעמט פאר'ן כלל ישראל, אז זי זאל אויסקוקן ווי א פאררעטער, נאר אז כלל ישראל זאל נתעורר ווערן צו תשובה און איינזען אז מיר קענען זיך נישט פארלאזן אויף קיין איינעם נאר אויפ'ן באשעפער אליין.

און דאס איז דער סוד פון פורים, אז מיר קומען אן צו דער געדאנק אז מיר האבן קיין איינעם נישט - נאר דער רבוש"ע אליין.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אויסטראליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

### א גאראנטירטע שמחת פורים

עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך הער אויס די שיעורים פון הרב ר' בעריש שנעבאלג שליט"א. איך בין געווארן איבערגענומען פון זיין התלהבות און איך האב באשלאסן אז די בעסטע זאך וואס איך קען טון איז אויך לויז צו ווערן פון די קרעדיט קארטל און אויפגעהערט בארגן וועןן מען לעבט נאר אויף חסדי שמים.

פון היינט און ווייטער האט זיך ביי מיר איבערגעמישט א נייער בלאט. עס איז נישט דא מער קיין בארגעריי, קיין קעש וואס מען שלעפט ארויס פון באנק, קיין באנק קרעדיט, עס איז נאר די אפענע און ברייטע הענט פון השי"ת.

עס איז געווען א וואך פאר פורים און מיין שטוב איז געווען גענצליך ליידיג. איך האב נישט געהאט אין מיין טאש א שקל פאר גארנישט. עס איז נישט געווען דארט אויף משלוח מנות, אויף סעודת פורים, אויף פארשטעלעכצער פאר די קינדער. די מצב האט אויסגעזען שרעקליך אבער איך האב זיך פראבירט צו האלטן שטארק.

יעדער מאל וואס איך האב זיך געטראפן אין אזא מצב און כ'בין געווארן צובראכן פלעג איך אריינקלינגען אין די האטליניע און אויסהערן די שמועסן פון ר' בעריש און זיך געשטארקט מיט דעם.

אויך יעצט האב איך געטון די זעלבע. איינער האט דארט דערציילט אז ער האט געהאט מגילות און ער האט זיי פארקויפט אויף א וואונדערליכער וועג און מיט די געלט האט ער געהאט צו דעקן די הוצאות פון פורים.

יענער האט געהאט מגילות אבער איך האב דאס אויך נישט געהאט און זיך געוואונדערט פון וואו וועט קומען מיין ישועה. עס איז געווען די לעצטע מיטוואך פאר פורים און איך האב געשפירט ווי עס איז באו מים עד נפש. זעט אויס אז אזא סארט מהלך איז נישט פאר מיר און איך האב זיך געוואלט ברעכן.

איך האב נאך געהאט קרעדיט אין מיין קארטעל. איך האב עס געקענט איבערדרייען אויף קעש און איך האב באשלאסן אז איך גיי עס נוצן. אזוי ווי נעבן מיין שטוב איז נישט דא קיין מאשין פון וואו מען קען ארויסציען געלט האב איך מחליט געווען ביי מיר אז נאכ'ן אנפולן אלעס וועל איך ארויסגיין צו א לאקאלע מאשין און ארויסציען פון דארט געלט.

איך האב עס נישט געוואלט טון אבער וואס זאל איך טון אז איך האב נישט געהאט גענוג אמונה אז די ארדער וועט באצאלט ווערן אין א וואונדערליכער וועג.

איך זאג עס עקסטער ווייל איך וויל אז אויך דער וואס איז נאך אונטערוועגענס און שטארקט זיך נאך מיט אמונה, זאל וויסן אז אויך אים העלפט השי"ת.

איך האב זיך אנגעפולט א פולע וועגעלע פון זאכן און עס געלייגט אין א זייט גרייטנדיג זיך צו גיין נעמען די געלט. איך בין שוין געווען אויפ'ן וועג אויפ'ן סקרין זעה איך ווי מיין חברותא קלינגט מיר אריין.

"ווילסט איך זאל דיר קויפן סעלעמאן פיש?"

ער זאגט מיר אז ער געפינט זיך יעצט אין געשעפט און ווען ער זאגט מיר די נאמען פון דער געשעפט זעה איך איין אז ער געפינט זיך אין די זעלבע געשעפט וואו איך בין יעצט אויף די מינוט.

"דו האסט געוואוסט אז איך בין אויך דא"? האב איך אים געפרעגט.

"ניין. איך האב דיר נישט באמערקט. איך מאך נישט יעצט קיין ארדער. איך בין אריין קויפן א קליינינקייט. איך זעה אז דו האסט מיר געקלינגען נאכמיטאג, קלינג איך דיר יעצט צוריק".

מיין חבר האט א קאר און איך האב געפרעגט אז אזוי ווי ער איז שוין סיווי דא, אפשר קען ער אהיימנעמען מיין ארדער.

"פארוואס נישט?"

געציילטע מינוטן שפעטער איז ער געשטאנען נעבן מיר. מיר האבן זיך צוזאמען געשטעלט ביי דער קעשיר. איך האב געפלאנט צוגיין ארויסנעמען געלט פון די מאשין אבער ער האט מיר געזאגט אז ער יאגט זיך, ער וועט גיין צו די שנעלע קעשיר און אויסלייגן פאר מיר דאס געלט און מיר וועלן זיך שפעטער פאררעכענען.

דער חשבון איז אנגעקומען צו נייין הונדערט שקל און ער האט עס אויסגעלייגט פאר מיר זאגנדיג אז מיר וועלן זיך נאך פאררעכענען איבער די געלט און דערווייל האב איך געהאט צו פראווענען א פורים בהרחבה גדולה.

איך בין געווארן א בעל חוב פון נייין הונדערט שקל אבער אויך דא האט מיר השי"ת געוויזן אז ער פארלאזט נישט און עס האט זיך אנגעהויבן א קייט פון אפענע חסדים.

די ערשטע זאך איז געווען אז אין די כולל וואו איך לערן האט מען ביום הפורים אויסגעטיילט 120 שקל. איך בין פונקט

### בוא תזכה גם אתה, להפיץ אמונה בכל הארץ וגם להיוושע בישועות פרטיות!

## זוכים בישועות!!!

**מזל טוב**

בשנה שעברה לפני פורים תרמנו הוראת קבע להפצת העלונים כדי לזכות להיוושע בזיווג הגון. העברנו את השמות לתפילה מיוחדת על ציונו של בעל חובות הלבבות והוספנו בקשה שניוושע עד ר"ח ניסן.

הפלא היה שבערב שבת כ"ט אדר זכיתי להתארס ממש כמו שביקשתי. תודה לד' שהישועה הגיע בזכות הפצת האמונה.

משפחת ל.

**כהרף עין**

אחרי חודשים שחיכיתי לתור לדרכון הגיע היום, ונסעתי מבית שמש למרכז. יצאתי מוקדם ובדרך הפתיעו אותי הפקקים הגדולים. מיד הבטחתי לתרום להשגחה פרטית והתחזקתי שהכל בהשגחה פרטית והכל לטובה. פתאום, מיד אחרי התרומה, הכביש נפתח והגעתי בזמן.

דוב ב.

**דירה נאה**

לפני ר"ה לקחנו על עצמנו החזקת שכונה שתקבל עלונים כל חודש לזכות מציאת דירה וגם פרנסה בשפע.

והנה זכיתי לראות ישועת ד' עין בעין ממש. כעבור כמה חודשים זכיתי בדירה במחיר למשתכן בירושלים וגם הפרנסה התחילה להגיע בשפע גדול. הרגשתי שבזכות הפצת האמונה בעולם זכינו להיוושע.

תודה, משפחת כהן

**מתיר אסורים**

לקרוב משפחה שלי היה משפט מסובב ביום שני פרשת ויצא, ולי"ע יצא חייב ופסקו לו שנה מאסר בפועל. ביום שני הוא נכנס לכלא והתחיל לרצות את ענשו, והסבל של המשפחה כואב מאד. החלטתי לתרום עבור להשגחה פרטית. רק 3 ימים עברו, וביום חמישי פרשת ויצא, פתאום, למעלה מדרך הטבע, מודיעים לו שהוא משוחרר ויצא מהכלא בזכות האמונה.

**מחיר מצוין**

הרבה חודשים חיפשתי דירה להשכרה באזור רוממה בירושלים ולא מצאתי. הבטחתי לתרום שכונה של 7 בתי כנסת להפצת האמונה, ואחרי כמה ימים כבר מצאתי דירה, אבל המחיר היה גבוה מדי. הוספתי עוד תרומה והמשכיר הסכים להתפשר על המחיר. סגרתי חוזה בזכות הפצת האמונה.

נישט געווען דארט און מיין חבר האט גענומען פאר מיר.
ער האט עס געלייגט אויפ'ן חשבון און דער חוב איז אראפ צו 780 שקל, אבער דאס איז נאר געווען די אנהייב פון די מעשה.
עס איז אריבער אפאר טעג און איך וויל אים באצאלן דערציילט ער מיר אז א איד האט אים געגעבן טויזנט שקל פאר צדקה אז ער זאל עס איבערגעבן פאר א נצרך.
"איך האב באשלאסן אז איך גיי עס געבן פאר דיר".
לויט דעם חשבון איז ער מיר שוין געווען שולדיג 240 שקל.
איך האב געזען בחוש ווי אזוי פון הימל האט מען מיר געשיקט די גאנצע סומע איך זאל האבן גענוג צו קויפן אויף יום טוב וויפיל איך דארף און נישט דארפן בארגן פון אנדערע.

## א הימלישער שליח אראפצונעמען די עול דרך ארץ

מיין חברותא האט א שוועסטער וואס איז א חשובע פרוי. נאך די חתונה האט זי באשלאסן אז זי וויל אז איר מאן זאל בלייבן באהלה של תורה. ווערלענדיג אז ער זאל קענען זיצן און לערנען רואיג, האט זי אים געזאגט אז זי נעמט אלע קאסטן פון שטוב אויף איר.
איר חלום האט זיך פארווירקליכט. זי פירט די געלט זאכן און ער זיצט און לערנט תורה פון צופרי ביז ביינאכט, ער האט נישט קיין אנונג וואס עס טוט זיך אין די געלט זאכן.
איין נאכט, ווען זיי זיצן אזוי און רעדן, רופט זיך אן די פרוי צו איר מאן אז ער האט א חוב פון ניין טויזנט דאלער.
זי האט עס נישט געמיינט צו זאגן אבער ווען ער האט געהערט פון דעם איז ער געווארן אויס מענטש. אין וויסטן חלום האט ער נישט גע'חלומ'ט אז זיי האבן אזעלכע גרויסע חובות.
אגאנצער נאכט האט ער נישט צוגעמאכט קיין אויג, צופרי האט ער א פרעג געגעבן זיין פרוי צי זי האט מצליח געווען צו שלאפן ביינאכט.
"פארוואס נישט?". האט זי געוואלט פארשטיין.
"ווייל דו דארפסט דעקן א חוב פון ניין הונדערט דאלער".
"נישט ניין הונדערט, ניין טויזנט". האט זי אים פארראכטן.
זי האט אים געגעבן צו פארשטיין אז דער חוב איז נישט געווארן אין איין טאג, עס האט זיך געזאמלט א לאנגער צייט און זי האפט אז עס וועט ווערן מסודר. עס האט איר ווי געטון אז זי האט עס דערציילט פאר איר מאן, זי האט נישט געטראכט אים אריינצומישן אין אזעלכע זאכן אבער עס איז שוין געווען צו שפעט צוריקצודרייען דעם זייגער.
"עס מאכט נישט אויס ווי אלט די חוב איז - א חוב איז א חוב און עס טאר נישט זיין". האט ער געזאגט.
נאך יענע נאכט האט א באקאנטער פון אויסלאנד געקלינגען. ער האט זיי דערציילט אז ער האט אריינגעלייגט אין זייער באנק די סומע פון צען טויזנט דאלער!
דער יונגערמאן האט זוכה געווען, ער האט מקבל געווען אויף זיך די עול התורה און אז איינער איז מקבל אויף זיך די עול התורה נעמט מען אראפ פון אים דער עול פון דרך ארץ. אזוי לאנג ווי עס האט אים נישט געבאדערט האט ער געלעבט מיט דעם, איינמאל עס האט אים אנגעהויבן שטערן צו לערנען, האט אים השי"ת גלייך געשיקט די ישועה.

## א כשר'ע מגילה צען אזייגער ביינאכט

**עס רעדט דא ישראל ליפשיץ פון די שטאט חיפה:**
צוויי טעג פאר פורים איז מיר געבוירן געווארן אן אייניקל. די שמחה איז געווען זייער גרויס. מען האט זיך געפריידט, אבער ביני לביני האט מען אויך אינזינען געהאט אז מען וועט דארפן שיקן איינער זאל ליינען די מגילה פאר די יולדת.
די יולדת איז געווען אין שפיטאל. מיר האבן געטראכט אז מיר וועלן פאר אירטוועגן ארגאניזירן א מנין אבער רעדנדיג מיט דער רב פון די שפיטאל האט ער אונז בארואיגט אז עס פעלט נישט אויס ווייל עס וועט זיין א מנין אין די שפיטאל פערטל נאך זיבן.
עס איז אנגעקומען פערטל נאך זיבן און דער בעל קורא איז נישט אנגעקומען. זעענדיג אז די זייגער רוקט זיך האב איך געזאגט פאר די טאטע פון דעם פריש־געבוירענער קינד אז ער זאל נעמען מיין מגילה און מיט דעם גיין אין שפיטאל און ליינען פאר די יולדות.
מיין זון האט טאקע אזוי געטון. ער האט גענומען די מגילה און מיט דעם זיך ארויסגעלאזט צו די שפיטאל און זיך געגרייט צו ליינען די מגילה. ממש אין יענע מינוטן איז דער בעל קורא אנגעקומען און ער האט אנגעהויבן ליינען די מגילה.
און יעצט אז ער איז שוין געווען דארט האט ער געגעסן מיט זיין פרוי די סעודה פון פורים. ביי די סעודה האט אים זיין פרוי געפרעגט צי ער האט געדענקט דער שליסל האלטער.
די שליסל האלטער איז געווען א מתנה וואס זיי האבן געלאזט באשטעלן יענע יאר פורים נאכ'ן חאלאקענען זייער קינד. די שליסל האלטער האבן געהאט אויף זיך א בילד פון זייער קינד. דעם ספעציעלן שליסל האלטער האבן זיי געוואלט צולייגן צו יעדע משלוח מנות און נאר יעצט האט זיך מיין זון דערמאנט אז ער האט טאקע באשטעלט די שליסל האלטער אבער ער האט עס פארגעסן אפצונעמען.


מבצע
השגחה פרטית
לכל יהודי, בכל פינה!

רוצים לזכות בשפע של ישועות...?

המתכון המנצח!
רבבות מעידים שבזכותו זכו לראות ישועות
קחו שותפות בהפצת אמונה וביטחון, ותתברכו בשנה של שפע; שנה של פרנסה; שנה של נחת.

מסלולים לתרומה

| | נותן | קונה | מקבל |
|---|---|---|---|
| עשירי קודש | 260 ₪ לחודש | זכות ב- שכונה גדולה של 10 בתי כנסת בהפצת העלון | כל המשפחה בתפילה בתענית אסתר בכל ער"ח אצל בעל חובת הלבבות ובתפילה כל יום אצל רבני |
| קריה נאמנה | 156 ₪ לחודש | זכות ב- שכונה של 6 בתי כנסת בהפצת העלון לכל חודש | כל המשפחה בתפילה המיוחדת בתענית אסתר וגם בכל ער"ח אצל בעל חובת הלבבות |
| חוט המשולש | 78 ₪ לחודש | זכות בהפצת העלון בישוב של 3 בתי כנסת לכל חודש | כל המשפחה בתפילה בתענית אסתר וגם שתי שמות בכל ער"ח אצל בעל חובת הלבבות |
| טובים השנים | 52 ₪ לחודש | זכות בהפצת העלון ב- 2 בתי כנסיות לכל חודש | כל המשפחה בתפילה המיוחדת בתענית אסתר אצל בעל חובת הלבבות |

התקשר עכשיו
02-6313742
או בעמדות נדרים פלוס ע"ש 'השגחה פרטית'

ער האט אנגעקלינגען דער פאבריק און צו זיין מזל האט ער אים געזאגט אז ער האט עס ביי זיך און אויב ער וויל קען ער יעצט קומען אפנעמען די שליסל האלטער. גלייך האט ער זיך ארויסגעלאזט אהין. ער איז אנגעקומען אהין צען אזייגער ביינאכט. אין אזא צייט האלטן שוין רוב אידן נאכ'ן ליינען די מגילה און נאך די מגילה.

ער האט נאך געהאלטן אינמיטן ארויפגיין די טרעפ, ווען פלוצלונג שטעלט אים אפ אן עלטערע איד.

"יונגערמאן, אפשר האט איר א כשר'ע מגילה"?

"יא, איך האב".

דער עלטערער איד האט דערציילט אז פריער האט ער זיך געשפירט זייער שלעכט. עס איז געווען כמעט אוממעגליך ער זאל ארויסגיין פון שטוב ליינען. יעצט שפירט ער זיך שוין אסאך בעסער, אבער וואו וועט ער יעצט טרעפן א מנין פאר קריאת המגילה.

ער האט אים געגעבן די מגילה און זיך שפעטער צוריקגעקערט עס אפנעמען ווען ער זעט אויף למפרע אז אלעס האט זיך עקסטער אזוי געפירט, כדי ער זאל קענען געבן פאר דעם איד א מגילה.

## דער הסתר ווערט אנטפלעקט

איך האב געוואוינט אין די שטאט בני ברק. אויך די ישיבה און די חסידישע חצר וואו איך געהער איז געווען אין די שטאט בני ברק. איך האב געהאט אלעס צו די האנט. עס איז געווען אזוי א גאנץ יאר און אויך פורים, אז איך האב עס געקענט פראווענען מיט אלע מיינע חברים אין מיין געגענט און ביי מיין רבי'ן.

מיט פיר יאר צוריק פורים האב איך געפראוועט דער יום טוב פורים מיט א גרויסער דערהויבענקייט. איך בין שוין געווען אן עלטערע בחור. איך בין שוין געווען נענטער צו די צוואנציג און נאכדעם וואס רוב פון מיינע חברים זענען געווארן א חתן בין איך געווארן אביסל נערוועז און באשלאסן אז איך גיי אויסנוצן דעם גרויסן טאג און זיך אויסבעטן אין איר.

די עבודה האט זיך אנגעהויבן נאך אין די נאכט שעה'ן ווען איך האב געטאנצןביים טיש און דערביי אינזינען געהאט די ישועה וואס איך דארף האבן.

עס איז געווען אין די צופרי' שעה'ן ווען מיין טעלעפאן האט נישט אויפגעהערט צו קלינגען. איך האב זיך געוואונדערט ווער קלינגט אזויפיל. ווען איך האב א קוק געגעבן אויפ'ן סקרין האב איך געזען אז עס איז מיין טאטע.

וואס וויל ער? איך האב אויפגעהויבן און מיין טאטע דערציילט מיר אז די באבע איז נפטר געווארן ביינאכט און היינט גייט זיין די לויה אין ירושלים. ווי באקאנט איז אין ירושלים פורים א טאג שפעטער, אין דער טאג פון ט"ו און דאס מיינט אז איך גיי דערלייגן אלעס אויף די וועלט. מיין גאנצע פורים גייט גיין צוגרונד, עס האט מיר וויי געטון אז אנשטאט זיצן און פאברענגען א פורים מיט מיינע חברים וועל איך זיין אפגעבינדן אין א לויה.

אבער אז עס האט זיך אזוי געפירט, בין איך אויפגעשטאנען. איך האב געדאווענט שחרית און געהערט די מגילה און ארויסגעפארן קיין ירושלים מיטצוהאלטן די לויה. די וועגן איז געווען אנגעלייגט מיט קאַרן און עס האט געדויערט היבש לענגער ווי נארמאל. אויך אויפ'ן וועג צוריק זענען מיר געשטאנען אין טרעפיק און ווען איך בין אנגעקומען צוריק קיין בני ברק איז שוין געווען כמעט די שקיעה. איך האב שנעל מקיים געווען די מצות היום און געטרינקען אפאר כוסות וויין. די וויין איז געווען זייער שטארק און עס האט געהאט אויף מיר א שטארקער איינפלוס, איך בין איינגעשלאפן און איך האב זיך אויפגעוועקט א טאג דערויף.

איך האב געשפירט ביי מיר אז איך האב דערלייגט די פורים אויף אלע פראנטן. יא, איך האב מקיים געווען די מצוות היום אבער עס האט געפעלט די אטמאספער.


עולם מלא של
אמונה!
ב'מגזין' החדש והמרהיב לכל המשפחה

העניקו למשפחתכם
את ההזדמנות
להתחזק באמונה

הצטרפו עוד היום כמנוי על המגזין
החדש והעוצמתי
32 עמודי צבע, מלאים במדורים
מרתקים, גדושי תוכן ועניין
המבוססים כולם על סיפורים אמיתיים
ומחזקים, כתובים ביד אמן ע"י מיטב
הסופרים.




מבצעים והטבות מיוחדות
לרגל ההשקה!!!

גאנצע דריי וואכן איז אריבער און מיין טאטע קלינגט מיר אן אז איך זאל שוין אהיימקומען ווייל מען האלט אינמיטן שידוך. איך האב אים געפאלגט און אהיימגעקומען און עטליכע שעה שפעטער האט מען טאקע געבראכן טעלער. ביי די ווארט זאגט מיר מיין מחותן אז אויף מיר האט ער זיך נישט געדארפט נאכפרעגן.

וואס איז? ער דערציילט מיר אז מערערע מאל האט מען אנגעטראגן מיין נאמען אבער עס האט זיך געשטופט. ביי די לויה פון מיין באבע האט מיר איינער אנגעוויזן אויף מיר זאגנדיג אז דאס איז דער בחור וואס מען רעדט. איך האב דיר באטראכט און געטראכט צו מיר אז א בחור וואס לאזט איבער אלעס און קומט זיך משתתף זיין ביי די לויה פון זיין באבע, אפילו אויב ער וועט וועגן דעם פארפאסן זיין פורים איז זיכער א חשובער בחור און מען דארף זיך אפילו נישט נאכפרעגן אויף אים.

נאר דעמאלטס האב איך איינגעזען אויף למפרע אז פאר מיר האט זיך געדוכט אז איך האב דערלייגט די פורים ווען באמת האב איך נאר פארדינט פון דעם.

## גענוי אין טאג

עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך און מיינע חברים פלאנירן זיך ארויסצולאזן אויף א רייזע צו די מקומות הק' אין אייראפע. פון די פלענער ביז למעשה האט געדויערט א שטיק צייט, עס האט זיך געהאלטן אין איין אפשטופן ביז ענדע אין דער פארלאפענער פרשת וארא האט עס פאסירט.

מיר זענען געווען אין אייראפע. פון אונגארין זענען מיר געפארן קיין פוילן און אונטערוועגנס קיין פוילן זענען מיר אריבערגעפארן די שטאט אוהעל. זייענדיג אין אוהעל האבן מיר זיך בארעכענט אז מיר גייען אריין מתפלל זיין ביים ציון הק' פון דער הייליגער ישמח משה זי״ע.

אין די שטאט אוהעל ליגט אויך די באקאנטע צדיקת שרה די בעקערקע. זי איז געווען די מאמע פון דער הייליגער צדיק הרה״ק ר' הערשעלע מליסקער זי״ע. אזוי ווי איך בין אן אייניקל פון איר האב איך אויפגעזוכט איר ציון.

עס האט נישט געדויערט לאנג. איר ציון איז היינט איבערגעבויט און איך האב מתפלל געווען דארט. קוקנדיג אזוי אויף די מצבה בין איך געבליבן שטיין געפלעפט. איר יארצייט איז כ״ד טבת און היינט איז די יארצייט. איך האב געוואלט זאגן קדיש אויף איר ציון. מיר זענען געווען צען מענטשן אבער איינער פון זיי איז געווען א כהן און די מצבה איז אין צענטער פון בית החיים.

אזוי טראכטנדיג וואס מען קען טון איז אונטערגעקומען א צווייטע קבוצה. מיר האבן געזאגט קדיש און געדאנקט דעם פון אויבן אז פונקט אין דער טאג פון די יארצייט האבן מיר געקענט זיין אויף איר ציון און זאגן קדיש.

## משלוח מנות פון הימל

זייענדיג אין איינער פון די שולן אין ירושלים עיה״ק איז מיטאמאל אריינגעקומען א איד. דער איד האט נישט אויסגעזען מיט אלעמען.

״איך בין הונגעריג״, האט דער איד זיך אנגערופן.

״איינער האט דא עסן״? האט דער איד ווייטער געפרעגט.

קיין איינער האט נישט געהאט. זעענדיג אז קיין איינער האט נישט האט ער זיך געגעבן א רוף אן אז אויב מען געבט אים נישט וועט ער בעטן פון השי״ת. מיט די גרעסטע מאס תמימות האט ער אנגעהויבן זאגן תהלים. עס גייט נישט אדורך קיין לאנגער צייט און א איד קומט אריין אין שול און שארט זיך צו אים און פרעגט אים צי ער איז הונגעריג.

״איך האב בטעות געקויפט א דאפעלטע פארציע״, זאגט ער פאר'ן איד.

זיי האבן געגעסן און געדאנקט השי״ת פאר'ן שיקן דער גוטער שליח.


מדורים מיוחדים:

לראש המשפחה

סיפורים, ראיונות ומאמרי עומק.

לעקרת הבית

טורים אישיים, מתכונים, מאמרי חינוך וסיפור בהמשכים

לילדים ונוער

סיפורים ראיונות, חידות וקומיקס

הכניסו את האור הביתה!

הצטרפו עוד היום למשפחת המנויים:

חייגו עכשיו:

02-6246845

ניתן להצטרף גם בעמדת נדרים פלוס תחת השם "מגזין השגחה פרטית"

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

די לעבן פון א מענטש איז איין לאנגער קייט פון נסיונות. דער אב הרחמן שיקט אונז אונטער נסיונות און עס איז אונזער פליכט אז מיר זאלן שטיין אין דעם. פון צדיקים זאגט מען נאך אז 'נס' איז מלשון 'הרמה' און דאס איז א רמז אז דורך די נסיונות ווערט מען דערהויבן און אויב אזוי, אז דער נסיון איז דא אונז אויף צו הייבן פארוואס בעטן מיר יעדן טאג ואל תביאנו לידי נסיון?

שאלה נומער 61 ז.ק. אלעד

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## ווערן נענטער צו השי"ת

**הרב אהרן בייפוס מרכסים:** א כלל גדול וואס מיר דארפן וויסן איז אז תפלה איז נישט א זאך וואס דארף צוברענגען צו עפעס, דאס אליין איז קרבת אלקים. אויך די מטרה פון נסיונות איז קרבת אלקים. עס קומט אויס לויט דעם אז סיי ווען מיר בעטן און סיי ווען מיר האבן א נסיון איז עס ביידע קרבת אלקים. אזוי אז ווען מען בעט די תפילה אל תביאנו לא לידי נסיון איז דער עצם בקשה א סימן אז מען וויל קרבת אלקים און עס דארף נישט אונטערקומען שפעטער קיין נסיונות וואס דארפן איבערווייזן די קרבת אלקים.

## א נסיון איז א סכנה

**הרב שמחה פרידמאן מנוף הגליל:** א מענטש שטייט אגאנצער צייט אויף צוויי וועגן. פון איין זייט וויל ער שטייגן דורך וואס ער שטעלט זיך אוועק מהלכים ווי אזוי ער גייט שטייגן אין עבודת השם. מצד שני שיקט אים השי"ת אונטער נסיונות. די טבע פון א נסיון איז אז עס ברענגט צו אז דער מענטש זאל מוז'ן ארויסגיין פון זיין קעסטל און זיך רוקן פאראויס אין זיין וועלט אבער דאגעגן איז עס איינגעשטעלט. דער מענטש קען דורכפאלן אין זיין נסיון און וועגן דעם בעטן מיר אז מיר זאלן קענען ביישטיין דער נסיון און זיך רוקן פאראויס אין די וועגן פון השי"ת אויף א רואיגער וועג, אבער אין די זעלבע צייט זענען מיר מקבל די נסיונות באהבה, וויסענדיג אז השי"ת שיקט זיי אונטער ווייל ער האט צוטרוי אין אונז אז מיר וועלן קענען שטייגן אין דעם. **מער ווי דעם ברענגט אראפ הרב אשר דונאט מבני ברק בשם דער סידור שיח יצחק להרה"ג רבי יצחק מאלצאן מתלמידי הגר"א.** ער שרייבט דארט אז מיר זענען מתפלל שלא נביא לידי נסיון ווייל א נסיון איז גוט ווען מען איז עומד אין איר. אויב מען פאלט דורך אין איר איז עס ביטער. **לייגט צו צו דעם הרב יהודה גאלד מחיפה** דער באוואוסטער סיפור וואס דער מגיד מדובנא האט געזאגט פאר דער ווילנער גאון צי איז דען א קונץ אויסצוואקסן דער ווילנער גאון ווען מען זיצט זיך אין דיינע ד' אמות און דער גאון האט אים געענטפערט אז ער איז נישט געקומען אויף די וועלט צו באווייזן קונצן.

**הרב שמואל דוד שובקס מאופקים:** מען קען זאגן אז נסיונות איז אזוי ווי יסורים. חז"ל זאגן אונז אז יסורים זענען חביבים, אבער מצד שני בעט מען מחוק ברחמיך הרבים אבל לא על ידי יסורים וחלאים רעים און אזוי ווי מען דארף אוועקשטיין פון יסורים דארף מען אויך אוועקשטיין פון נסיונות. אז השי"ת שיקט עס אונטער מוז מען עס מקבל זיין באהבה.

**הרב שמעון ערלאנגער מבית שמש:** א נסיון איז נישט א זאך וואס קומט און גייט. ווען די נסיון ענדיגט זיך גייט מען אריבער צו די צווייטע זייט. א נסיון קען אסאך מאל זיין ביטער און שרעקעדיג און עס קען בלייבן ביי א איד א לאנגער צייט. נישט אלעמאל ווייסט דער מענטש וואס מען וויל פון אים און דער מענטש ראנגעלט זיך שטארק מיט די נסיון און ער ווייסט נישט ווי אזוי ער קריכט ארויס פון דעם. עס איז בעסער אז מען זאל נישט אנקומען צו איר. אויב השי"ת האט עס מזמין געווען פאר אונז איז עס איז נישט אין אונזער בחירה, אבער פון זיך אליין איז גוט צו שטיין ווייט פון דעם.

## עס ווענדט זיך פון וועלכע נסיון מען רעדט

**הרב דוד האלעס מירושלים:** די וועלט פון נסיונות איז א ברייטע וועלט. עס איז דא נסיונות וואס עס איז בעסער אז מען זאל נישט אנקומען צו זיי און אויף אזעלכע סארט נסיונות בעט מען השי"ת.

**הרב משה שאפער מבית שמש:** דער שלה"ק אין פרשת וירא [אות כד] זאגט אז עס איז פארהאנען צוויי סארט נסיונות. איין סארט נסיון איז אז דער איד זאל זיך אויפהייבן העכער אין עבודת השם. די צווייטע נסיון איז צוליב די קטרוג פון דער שטן און ווען מיר בעטן דער 'אל תביאנו' גייט עס ארויף אויף א נסיון וואס איז קומט צוליב א קטרוג.

**הרב שלום מילער מבית שמש:** פון צדיקים זאגט מען נאך אז די תפלה שלא תביא לידי נסיון ולא לידי בזיון איז איין לאנגע תפלה. מיר בעטן אז השי"ת זאל אונז נישט צוברענגען צו אזא נסיון וואס וועט אונז ברענגען לידי בזיון.

## א שאלה פאר גליון 111

חז"ל זאגן אונז אז ווען עס קומט צו הוצאות שבת ויום טוב זאל א מענטש בארגן און השי"ת צאלט צוריק. איך וואלט געוואלט פרעגן צי ווען מען רעדט פון בארגן מיינט עס אן א גרעניץ אדער מוז עס זיין מיט א גרעניץ? למשל אז א איד פארדינט 8000 שקל א חודש צי מוז ער זיך צושטעלן צו דעם נומער אדער קען ער בארגן אן א גרעניץ?

נ.ב.ד בית שמש

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת ויקהל. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## א איד דארף האבן אמונה אין די וועגן פון השי"ת

אסאך מאל קען זיך אויסדוכטן אז לעבן מיט השגחה פרטית איז א זייטיגער זאך, אבער ווען מען כאפט א בליק אין דער ספר ארחות חיים וואס דער הייליגער רא"ש האט געמאכט, זעט מען דארט אז השגחה פרטית איז נישט א זייטיגע זאך, עס איז א חלק פון די מצוה פון אמונה.

און דאס זענען זיינע הייליגע ווערטער [פרק א] אין אידיש: "מען זאל זיך פארלאזן אויף השי"ת מיט'ן גאנצן הארץ און גלייבן אז זיין השגחה העכער אונז איז פרטית'דיג, אז זיינע אויגן שפאצירן ארום איבעראל איבער די וועלט, אז ער זעט אלעס וואס א מענטש טוט, אז ער איז א בוחן לב וכליות און אז דו וועסט גלייבן אין דעם וועסטו מקיים זיין דער יחוד השלם".

אונזער לעבן איז איין לאנגער קייט פון שוועריגקייטן און נסיונות אבער אז מען גלייבט אין השגחה פרטית, אז אלעס קומט צוגיין פון השי"ת, לעבט מען א רואיגע לעבן. נישט אייביג זענען מיר משיג פארוואס פירט זיך עס אזוי אבער מיר ווייסן אז מיר זענען קורצזיכטיג און וועגן דעם ווייסן מיר נישט אלעס.

זייער אסאך מאל איז מען זוכה אז ווען עס גייט אריבער א שטיק צייט זעט מען אויף צוריקציוועגס אז אלעס וואס עס האט זיך געפירט איז געווען א טובה שלימה.

מען גייט יעצט ליינען די מגילה און דארט האט מען עס געזען בחוש. עטליכע יאר נאך די געשעעניש האט געזען אויף צוריקציוועגס ווי ריכטיג און אויסגעהאלטן יעדע שריט איז געווען, ווי אזוי אלעס איז געווען איין לאנגע הכנה לטובה פאר די גרויסע נס.

בשעת מעשה האט אלעס אויסגעזען שרעקעדיג און ביטער אבער שפעטער האט מען געזען אויף צוריקציוועגס ווי אזוי די רעה איז בעצם געווען א טובה.

דער הייליגער חתם סופר זאגט אין תורת משה [פרשת כי תשא] אז די זאכן וואס גייען אריבער אויפ'ן מענטש איז אזוי ווי איין פרק אין א לאנגע און א גוטע מגילה. ווען מיר גלייבן אין דעם באקומט מען שכר אויף די אמונה, אז בשעת מעשה האט מען געגלייבט און אסאך מאל איז מען שפעטער זוכה אז מען פארשטייט ווי אזוי עס איז געווען א טובה.

מיט דעם געדאנק טייטש ער אויס דער פסוק וראית את אחורי ופני לא יראו - אז ווען עס וועט זיין 'אחורי' נאך די מעשה דעמאלטס וועט מען זען און פארשטיין די מעשה אויף למפרע אבער - ופני לא יראו - פאר די מעשה וועט געשען וועט מען עס נישט זען און דעמאלטס מוז מען גלייבן און מען וועט באקומען שכר אויף די אמונה אין יענע שעה.

מיט א תפלה אז מיר זאלן יא זוכה זיין צו זען אין אלעס די גוטס גלייך ווי מען איז מתפלל 'ברוב חסדך ענני באמת ישעך' אז מיט זיינע גרויסע חסדים זאל מען זוכה זיין צו זען גלייך די חסדים.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באלעבאסטע

נאכ'ן ליינען די גליונות און אויסהערן אייער האטליניע האט מען ביי אונז אין שטוב באשלאסן אז מען גייט זיך שטארקן אין אמונה און אין בטחון. ברוך השם אז מיר האבן געהאט די כוחות דערצו. מיר האבן אפגעשטעלט אונזערע קרעדיט קארטלעך, די קרעדיט אין באנק, טראץ וואס מיר האבן זיך געמאַנגעלט אין קעש. אין די זעלבע צייט האבן מיר זיך געשטארקט אין ברכת המזון בכוונה און נאך א שטיק צייט האבן מיר געזען גרויסע ישועות למעלה מדרך הטבע. מיר זענען פול מיט הכרת הטוב אז איר האט אונז ליכטיג געמאכט אין די אויגן און מיר שיקן ענק דא א סכום געלט אז איר זאלט קענען אנגיין מיט די הייליגע עבודת הק'.

### מצד די געבער

מיר זענען געווען א לאנגער צייט אין שידוכים. עס איז געווען צייטן ווען מיר האבן געשפירט אז עס באו מים עד נפש. מיר האבן געליינט איבער די סגולה פון תורם זיין געלט פאר השגחה פרטית און מיר האבן תורם געווען 40 עלונים און ברוך השם נאך א קורצע צייט האבן מיר געמאכט א שידוך. מיר זענען מלא דאנק און ווינטשן ענק אז איר זאלט קענען אנגיין מיט אייערע פעולות און אריינשיינען פאר אידן די הייליגע אור האמונה.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

9722-6-313-742

וױלט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט
קלינגט אריין אין אפיס
02-5866-075
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה